וואַקצין אינפֿאָרמאַציע סטעיטמענט

# RSV רעספּיראַטאָרי סינקיטיאַל ווירוס (Respiratory Syncytial Virus) וואַקצין: וואָס איר דאַרפֿט וויסן

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

## 1. פֿאַרוואָס וואַקצינירט ווערן?

**RSV וואַקצין** קען פֿאַרמײַדן נידעריקע רעספּיראַטאָרי טראַקט קראַנקײַט פֿאַרשאַפֿן בײַ דעם **רעספּיראַטאָרי סינקיטיאַל ווירוס (RSV)**. RSV איז אַ געוויינטלעכע אָטעם ווירוס וואָס אין אַלגעמיין פֿאַרשאַפֿט מילדע סימפּטאָמען, אַזוי ווי פֿאַרקילונג.

RSV קען פֿאַרשאַפֿן קראַנקײַט אין מענטשן פֿון יעדן עלטער אָבער קען זײַן מער ערנסט פֿאַר זייגקינדער און אַלטע מענטשן.

- RSV איז די מערסט פֿאַרשפּרייטע סיבה פֿאַר שפּיטאָליזאַציע פֿון זייגקינדער אין די U.S. זייגקינדער ביז 12 מאָנאַטן אַלט (איבערהויפּט די פֿון 6 מאָנאַטן און יונגער) און קינדער וואָס זענען צו פֿרי געבוירן געוואָרן, אָדער וואָס האָבן כראָנישע לונג אָדער האַרץ קראַנקײַט, אָדער אַ אָפּגעשוואַכטע אימונע סיסטעם, זענען אין אַ העכערע געפֿאַר פֿון שווערע RSV קראַנקײַט.
- RSV אינפֿעקציעס קענען זײַן געפֿערלעך פֿאַר געוויסע דערוואַקסענע. דערוואַקסענע אין אַ העכערע געפֿאַר פֿון שווערע RSV קראַנקײַט נעמען אַרײַן עלטערע דערוואַקסענע, ספּעציעל דערוואַקסענע מיט כראָנישע האַרץ אָדער לונג קראַנקײַט, אָפּגעשוואַכטע אימונע סיסטעם, געוויסע אַנדערע כראָנישע מעדיצינישע צושטאַנדן, אָדער די וואָס לעבן אין שוועסטערײַ היימען.

RSV ווערט פֿאַרשפּרייט דורך דירעקטע קאָנטאַקט מיט דעם ווירוס, צום בײַשפּיל, ווען טראָפּלאַך פֿון הוסט אָדער ניסן פֿון אַן אָנגעשטעקטן מענטש האָבן קאָנטאַקט מיט אײַערע אויגן, נאָז, אָדער מויל. עס קען אויך פֿאַרשפּרייט ווערן דורך איינער וואָס האָט דעם ווירוס און רירט אָן אַן אייבערפֿלאַך, אַזוי ווי אַ טיר קנאָפּ, און דאַן טוט עס אָנרירן אײַער פּנים.

סימפּטאָמען פֿון RSV אינפֿעקציע קענען אַרײַננעמען רינען פֿון נאָז, פֿאַרקלענערטע אַפּעטיט, הוסטן, ניסן, פֿיבער, אָדער כאָרכלען. אין זייער קליינע זייגקינדער, קענען סימפּטאָמען פֿון RSV אויך אַרײַננעמען רייצונג (אומרו), פֿאַרקלענערטע אַקטיוויטעט אָדער אַפּניאַ (פּויזעס אין אָטעמען פֿאַר מער ווי 10 סעקונדעס).

מערסט מענטשן קומען צוריק צו זיך אין אַ וואָך אָדער צוויי, אָבער RSV קען זײַן ערנסטער, דערפֿירן צו אַ קורצן אָטעם און נידעריקע אַקסידזשען לעוועלס. RSV קען פֿאַרשאַפֿן בראָנכיאָליטיס (אָנצינדונג פֿון די קליינע לופֿט וועגן אין די לונג) און פּנעומאָניאַ (לונגען אָנצינדונג). RSV קען אויך פֿירן צו פֿאַרערגערן מעדיצינישע צושטאַנדן אַזוי ווי אַסטמאַ, כראָנישע אָבסטרוקטיוו פּולמאָנערי קראַנקײַט (אַ כראָנישע קראַנקײַט פֿון די לונגען וואָס מאַכט אָטעמען שווער), אָדער האַרץ דורכפֿאַל (ווען דאָס האַרץ קען ניט פּאָמפּען גענוג בלוט און אַקסידזשען דורך דעם קערפּער).

זייגקינדער און עלטערע מענטשן וואָס ווערן זייער קראַנק פֿון RSV מעגן דאַרפֿן גיין אין שפּיטאָל. עטלעכע קענען אַפֿילו שטאַרבן.

## 2. RSV וואַקצין

עס זײַנען דאָ צוויי אימוניזאַציע אויסוואַלן פֿאַר באַשיצונג פֿון זייגקינדער קעגן RSV: מוטערלעכע וואַקצין פֿאַר שוואַנגערע מענטשן און פּרעווענטיווע אַנטיקערפּער געגעבן צום בייבי. בלויז איינע פֿון די אויסוואַלן איז נויטווענדיק פֿאַר מערסט בייביז צו זײַן באַשיצט.

די CDC רעקאָמענדירט אַן איינ-מאָליקע RSV וואַקצין דאָזע פֿאַר **שוואַנגערע מענטשן פֿון וואָך 32 דורכאויס וואָך 36 פֿון שוואַנגערשאַפֿט** פֿאַר די פֿאַרהיטונג פֿון RSV קראַנקײַט אין זייערע זייגקינדער במשך די ערשטע 6 מאָנאַטן פֿון לעבן. מען רעקאָמענדירט באַקומען די וואַקצין פֿון סעפּטעמבער דורכאויס יאַנואַר פֿאַר מערסט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אָבער, אין עטלעכע ערטער (צום ביישפּיל די טעריטאָריעס, האַוויי, אַלאַסקאַ און טיילן פֿון פֿלאָרידאַ) קען די רעכטע צײַט פֿון וואַקסינאַציע זײַן אַנדערש באַזירט אויף דער צײַט פֿון יאָר ווען RSV גייט אַרום אין געגנט.

די CDC רעקאָמענדירט אַן איינ-מאָליקע RSV וואַקצין דאָזע פֿאַר **אַלע וואָס זענען 75 יאָר אַלט אָדער עלטער** און פֿאַר **דערוואַקסענע צווישן 60 און 74 יאָר אַלט וואָס האָבן אַ העכערע ריזיקע פֿון ערנסטע RSV קראַנקייט**. דערוואַקסענע צווישן 60 און 74 יאָר אַלט וואָס האָבן אַ העכערע ריזיקע אײַנשליסלעך מענטשן מיט כראָנישע האַרץ אָדער לונגען קראַנקײַט, אָפּגעשוואַכטע אימונע סיסטעמען, אָדער געוויסע אַנדערע כראָנישע מעדיצינישע צושטאַנדן, אָדער די וואָס לעבן אין שוועסטערײַ היימען.

די RSV וואַקצין מעג געגעבן ווערן אין זעלבן צײַט מיט אַנדערע וואַקצינען.

U.S. CENTERS FOR DISEASE CONTROL AND PREVENTION

## 3. רעדט מיט אײַער געזונטהייַט קעיר צושטעלער

זאָגט אײַער וואַקסינאַציע צושטעלער אויב דער מענטש וואָס באַקומט די וואַקצין:

- האָט געהאַט אַן **אַלערגישע רעאַקציע נאָך אַ פֿריערדיקע דאָזע פֿון די RSV וואַקצין**, אָדער האָט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבן-דראָענדע אַלערגיעס**

אין געוויסע פֿאַלן, מעג אײַער געזונטהייַט קעיר צושטעלער באַשליסן צו אָפּשטופּן RSV וואַקסינאַציע ביז אַ צוקונפֿטדיקע באַזוך.

מענטשן מיט מינערווערטיקע קראַנקהייטן, אַזוי ווי פֿאַרקילונג, מעגן וואַקצינירט ווערן. מענטשן וואָס זײַנען מיטלמעסיק אָדער ערנסט קראַנק דאַרפֿן געוויינטלעך וואַרטן ביז זיי קומען צוריק צו זיך איידער זיי באַקומען די RSV וואַקצין.

אײַער געזונטהייַט קעיר צושטעלער קען אײַך געבן מער אינפֿאָרמאַציע.

## 4. ריזיקעס פֿון אַ וואַקצין רעאַקציע

- ווייטיק, רויטקייַט, און געשווילעכץ אַוווּ מען גיט די וואַקצין, מידקייַט (זיך פֿילן פֿאַרמאַטערט), פֿיבער, קאָפּ ווייטיק, עקל, שילשול, און מוסקל אָדער געלענק ווייטיק קען געשען נאָך אַ RSV וואַקסינאַציע.

ערנסטע נוראָלאָגישע צושטאַנדן, אַרייַנעמיק Guillain-Barré סינדראָם (GBS), זײַנען באַריכט געוואָרן נאָך RSV וואַקסינאַציע אין געוויסע עלטערע דערוואַקסענע. דערווײַל, קען מען נישט פֿעסטשטעלן אָדער אויסשליסן אַ העכערע ריזיקע פֿון GBS נאָך אַ RSV וואַקצין צווישן מענטשן פֿון 60 יאָר אַלט און עלטער.

פֿרי-צײַטיקע געבורט און הויכע בלוט דרוק אין שוואַנגערשאַפֿט, אַרייַנעמיק פּרע-עקלאַמפּסיאַ, זענען באַריכטעט געוואָרן צווישן שוואַנגערע מענטשן וואָס האָבן באַקומען די RSV וואַקצין. עס איז ניט קלאָר אויב די געשעענישן זענען פֿאַרשאַפֿן געוואָרן דורך די וואַקצין.

עס קען געשען אַז מענטשן חלש'ן נאָך מעדיצינישע פּראָצעדורן, אַרייַנגענומען וואַקסינאַציע. זאָגט אײַער צושטעלער אויב איר זײַט שווינדליק אָדער האָט זעאונג ענדערונגען אָדער איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פּונקט ווי מיט יעדע מעדיצין, עס איז דאָ אַ קלײנע אויסזיכט אַז אַ וואַקצין זאָל פֿאַרשאַפֿן אַ שווערע אַלערגישע רעאַקציע, אַנדערע ערנסטע שעדיגונג, אָדער טויט.

V-safe איז אַ זיכערהייַט נאָכפֿאָלגונג סיסטעם וואָס לאָזט אײַך מיטטיילן מיט די CDC ווי‏אַזוי איר, אָדער אַנדערע אויף וועמען איר זענט פֿאַראַנטוואָרטליך, פֿילן נאָכן באַקומען אַ RSV וואַקצין. איר קענט געפֿינען אינפֿאָרמאַציע און זיך אײַנשרײַבן אין V-Safe בײַ [vsafe.cdc.gov](vsafe.cdc.gov).

## 5. וואָס אויב עס איז דאָ אַן ערנסטן פּראָבלעם?

אַן אַלערגישע רעאַקציע קען פֿאָרקומען נאָכדעם וואָס דער מענטש וואָס האָט באַקומען די וואַקצין פֿאַרלאָזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פֿון אַן ערנסטע אַלערגישע רעאַקציע (אויסשלאָגן, אַן אויפֿגעשוואָלענע פּנים און האַלז, שוועריגקייַט צו אָטעמען, אַ שנעלע האַרץ קלאַפּ, אַ שווינדל, אָדער שוואַכקייַט), רופֿט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו דעם נאָענטסטן שפּיטאָל.

פֿאַר אַנדערע סימנים וואָס פֿאַרזאָרגן אײַך, קלינגט אײַער געזונטהייַט קעיר צושטעלער.

אומגעווינטשענע רעאַקציעס דאַרף מען באַריכטן צו דעם וואַקצין אומגעווינטשענע געשעעניש באַריכטונג סיסטעם (Vaccine Adverse Event Reporting System, VAERS). אײַער געזונטהייַט קעיר צושטעלער וועט געוויינטלעך אַרײַנגעבן דעם באַריכט, אָדער איר קענט דאָס טוהן אַליין. באַזוכט די VAERS וועבזײַטל אויף [www.vaers.hhs.gov](www.vaers.hhs.gov) אָדער רופֿט **1-800-822-7967**. *VAERS איז בלויז פֿאַר באַריכטן רעאַקציעס, און VAERS שטאַב מיטגלידער געבן נישט קיין מעדיצינישע עצות.*

## 6. ווי אַזוי קען איך לערנען מער?

- פֿרעגט אײַער געזונטהייַט קעיר צושטעלער.
- קלינגט אײַער לאָקאַלע אָדער שטאַט געזונטהייַט דעפּאַרטמענט.
- באַזוכט די וועבזײַטל פֿון די עסן און דראַג אַדמיניסטראַציע (Food and Drug Administration, FDA) פֿאַר די וואַקצין פּעקל צעטלער און פֿאַר נאָך אינפֿאָרמאַציע אויף [www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines](www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines)
- קאָנטאַקטירט די צענטערס פֿאַר קראַנקהייַט קאָנטראָל און פֿאַרמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC):
  - רופֿט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אָדער
  - באַזוכט די CDC'ס וועבזײַטל אויף [www.cdc.gov/vaccines](www.cdc.gov/vaccines).

Yiddish translation provided by Immunize.org